בעזהי"ת

ספר

**בשר גלאט כשר בזמן הזה**

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

– ירחון דהתאחדות הקהלות –

כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים

ב"ה חודש כסלו-טבת ה' תשמ"ז שנה ח' קונטרס ל"ט (כרך ח')

בפיקות הרב הגאון
מו"ה ר' שלום יהודא גראס שליט"א
אבדק"ק האלמין יצ"ו

יוצא לאור ע"י

## ווער הכשרות

ארגון מוקד"ש לתיקון מצב הכשרות

באמצעים של בירור, חקירה ודרישה
התיעצות, הודעה, והצעה

**39**

דהתאחדות הקהילות
בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

# בשורה טובה לעולם התורה

## כבר יצאו לאור עולם הספרים אשר עיני ישראל כלות אליהם

# "קובץ כל ספרי ניקור"

בט' כרכים משובצים בכל מיני הידור ויופי מעולם לא היו כל הספרים הללו של ניקור מצויין בשוק, וכעת נדפס כדי לתת אפשרות ביד כל הרוצה לרכוש אותן, כי ע"י חסרון הספרים רבו המכשולות במשך השנים שעברו.

בדורות שעברו היו משלמין כל מחיר שבעולם לרכוש הספרים והקונטרסים יקרי המציאות שלא נמצא אף אחד בעיר, והרבה עמל וטורח השקיע המו"ל להשיגן לזכות בהן את הרבים. וכאשר אך יצאו לאור עולם ממש נחטפו מן השוק לגודל יקר חביבותן.

קצרה דעתנו מלדעת עוד כמה שנים ישאר הזדמנות זו לרכוש רכוש היקר הלזו לכל מי שירצה, וכמו שעד עכשיו לא היו נמצאים בשוק כלל במשך הדורות. ומסתבר שלא במהרה יודפס עוד הפעם לרגל הוצאותיה הגדולים.

**אל תמתינו שיגיע הזמן אשר תבקש הספר ככסף וכמטמו-נים ולא תמצאנו כי במהרה יאזל מן השוק. מהרו והביאו ברכה לביתכם, עוד יגיע זמן ותאלצו להתחרט על העבר, שהיה לכם הזדמנות כה קלה לרכוש את כולם ולהיות תורת כל מעשי הניקור — ויסוד מלאכת ועבודת הניקור בתוך ביתך ועל העצלות שהי' בך אז באת עכשיו לחלישת הדעת והלב לחפש אחר הספרים ואיננו.**

## הכמות מצומצמת וכל הקודם זכה

**נ.ב.** זה איזה זמן שהחלה התעוררות גדולה בקרב ראשי הישיבות והכוללים ללמוד מעשי הניקור משורשיה, והרבה בני ישיבות כבר שקועין ראשן ורובן בלימוד זה. וכולם כאחד מודים: **שלולא הקובץ מספרי הניקור לא מאה מוצאים יד ורגל ביסודות והכללים העיקריים במלאכת הניקור** וגם טעויות למה ואלף ע"י העיון בקיצורים בלבד. ורק עכשיו אחר העיון והלימוד בהם עלה בידם לברר כל פרט ופרט על בוריין האמיתי.

## הכנס אוצר בלום לביתך

**הסעט כולל קי"ח ספרי ניקור מזמן הרמ"א זי"ע עד היום הזה**

## מחירו — $90.00

**להשיג אצל המחבר:**

**VAAD MISHMERES HANIKUR**
c/o Rabbi S.J. Gross
4711 - 12th Avenue, Suite A-5, Brooklyn, New York 11219

הספרים לא ישלחו בחוצות רק אחרי קבלות המעות בדמי קדימה ולא בהקפה כלל.

השם ______________ הכתובת ______________________

העיר ______________ המדינה ______________________

בעזהשי"ת

# ספר

# בשר גלאט כשר בזמן הזה

## אינהאלט

דער ספר איז געווידמענט מיט'ן ציהל איבערצו-ווייזען פאר די מאסען:

**א.** צו ווייזען פאר'ן עולם א טייל פון די איבלען וועלכע קומען פאר ביי די הכשרים פון פליישען.

**ב.** דער ציגאנג פון די קצבים יוניאן ווען די רבנים ווילען אויפדעקען דעם אמת וועגן כשרות פון פלייש.

**ג.** שרעקליכער טעראר וואס ווערט אנגעפירט קעגען די רבנים וואס האבען זיך ארויסגעשטעלט קעגען פלייש.

**ד.** א טייל פון די ליסט פון די רבנים ואדמורים פון היינטיגען דור וועלכע האבען קיינמאל נישט געגעסען בהמה פלייש אין אמעריקא.

**ה.** דינאמישע טעראר קעגען הגה"צ מדעברעצין שליט"א בעמ"ח ספרי שו"ת באר משה ט' חלקים.

**הוצאה שלישית**

ברוקלין נוא יארק . . . שנת תשמ"ז

## חברה מזכי הרבים העולמי
בנשיאות הרה"ג מוה"ר
רבי שלום יהודה גראס שליט"א
רב דקהל "מגן שאול" ד"האלמין"
ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"
"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"
c/o RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., Suite A-5
Brooklyn N.Y. 12119

בעל "קובץ ספרים בעניני כשרות" ו' חלקים (מ"ב חיבורים),
שו"ת "מנחת ש"י" על או"ח ויו"ד (ג' חלקים ועוד),
"נפש ישעי" על מאכלות אסורות (י"א חלקים),

**מכון להוצאת**
**ספרי יהודה וישראל**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
נשיא
"וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות"

"קובץ כל ספרי ניקור המובהקים" י' חלקים (קי"ח חיבורים),
"ספרי שמירת המצות והכשרות" ד' חלקים (כ"ח חיבורים),
"מדריך לכשרות ולחיזוק הדת" (מ"ב חלקים),

## חדשות שלא היה לעולמים
ראה זה חדש אשר לא הי' לעולמים סעט שלם בפארמאט ממוצע ומהודר הכולל כל עניני כשרות השייכים בזמן הזה בכל העולם כולו

## "קובץ ספרים בעניני כשרות"
### ששה חלקים
### הסעט כולל הרבה חיבורים אשר תוכנן רב גווני שלא נראה עדיין כבושם הזה
# 9000

**הן העניינים הנידונין בסעט הנ"ל ומהם:**
**אטליז (בוטשער) — דגים — הכשרים — חלב עכו"ם — שחיטה — בדיקה — ניקור — מליחה — משגיחים — קצבים — רבנים — תולעים — ועוד ועוד**

נחוץ כאויר לנשימה לכל בר ישראל לידע המכשולות השכיחים והיאך להינצל מהם כי זהו הבטחון היחידי שתשאר ביתו בית נאמן בישראל וימשיכו דורותיו האמונה בד' ובתורתו הקדושה עד ביאת הגואל (כמבואר בפר"ח סי' פ"א ושו"ת ד"ח ח"א יור"ד סי' ז')

**הסעט כולל 2500 עמודים ומחירו $36.00**

**להשיג אצל המחבר:**
RABBI SHLOM Y. GROSS
4711 / 12th Ave
BROOKLYN N Y 11219

## חדשות בעולם התורני
### הופיע ויצא לאור ספרי
### "שמירת המצוות כהלכתן"
ארבעה כרכים מהודרים
מכיל קרוב ל-2000 עמודים
מאת הגאון הנודע בשערים מוהר"ר
**רבי שלום יודא גראס שליט"א**

הסעט הוא יחיד במינו בכל העולם כולו נסדר במומחיות גדולה חלק ההלכה משולב למעשה לפי סדרי החיים שבזמננו בכל מכמני התורה הנהוגים יום יום ומהם: ה' ציצית, ס"ת, תפילין, ומזוזות, שבת, וצניעות - דיני ביהכ"נ דיני תפלה - קרה"ת - גיטין - צורת יהודי - יחוד - צדקה - ועוד.

בכבר נדפסו הרבה פעמים פעם אחר פעם וממש נחטפו מן השוק לגודל יקר חביבותם.

כעת אפשר להשיגם במספר מצוצמם של עותקים וכל הקודם זוכה

**מחיר הספרים $28.00**

נ.ב. אויב עס ווייטיגט אייך אַ פירצה ארער נאכלעסיגקייט אין אַ געוויסע מצוה און איר ווילט אויפקלערן די דינים פאר די מאסען לעילוי נשמת אייערע נאנטע ולזכות הרבים. ביטע רופט: 718-436-8086

ספר

כשר גלאט כשר

בזמן הזה

מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

# תשובות וביאורים

## ועד הכשרות

## שע"י

## בית דין צדק

## דקהל האלמין

אם לא עכשיו אימתי?

*ענטפער פון האלמינער רב שליט"א קעגען די הויפט קצבים וועלעכע פארשפרייטען בלבולים כאילו די הייניגע רבנים האלטען אז מען מעג עסען די גלאט כשר'ע פליישען אהנע פקפוק.

פארגאנגענע וואך האט איינער אונטערן נאמען "דוד בריקמאן" געשריבן אן אפענעם בריוו פארוואס מיר אסר'ן בשר בהמה עס שטייט דאך אין די תורה "וזבחת כאשר צויתיך". און עס איז דאך אויך באקאנט דער כלל פון "כל

*דער ענטפער איז געדריקט געווען אין אלגעמיינעם דזשורנאל פרייטיג אקטאבער 10 986'

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

יתר כנטול דמי" און נאך טענות וועלכע מיר וועלן ווייטער ציטירען.

צוערשט מר דוד בריקמאן דריקן מיר אויס א הארציגען יישר כח פאר אייערע רייד, עס איז ווערט צו באגריסען היינטיגע צייט ווען איינער האט טענות אז ער ברענגט דאס ארויס מיט ווערטער נישט ווי ביז היינט ווען אלע התירים צו עסן פלייש "זענען געפארען אויף רעדער און דראטן" באנונצנדיג זיך מיט טעראר דורך שיקן אמבולאנסען מיט פייער טראקס און סטראשען אין טעלעפאן צו הארגענען. די אלע זאכן בוייען נישט קיין היתר נאר פארקערט אויב מען האט זיך צו אזאנס דערלעבט איז דאס דער בעסטער באוויז אז דער המון איז מפוטם פון חלב נבילות וטריפות ווי דער פר"ח שרייבט קלאר אין יור"ד (סי' פ"א) אז מאכלות אסורות ברענגט עזות מיט ווילדקייט. אויב מען פלאנצט איין חלב מיט נבילות וואקסט ארויס ווילדע קינדער מיט רויבערישע נייגונגען און טעראריסטישע מעשים.

עס חידוש'ט זיך אבער אויף אייך ווי אזוי איר פרעדיגט פארוואס מיר זענען נישט מקיים דעם "לא תגורו מפני איש" און איר זענט דאס נישט מקיים, ערלויבט מיר צו פרעגן פארוואס גיט איר נישט ארויס אייער נאמען מיטן אדרעס כדי אייער ארטיקעל זאל נישט טראגן א כאראקטער פון בלויז א פאשקוויל און כדי מיר זאלען אייך קענען פערזענליך אויפקלערען אייערע טעותים אין וועלכן איר לעבט. לויט אונזער דרישה וחקירה עקזיסטירט נישט קיין דוד בריקמאן און לויט ווי מיר האבען זיך איבערצייגט האנדלט זיך גראד פון א

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

קצב וועלכע צוליב פערזענליכע ביזנעס פארלוסטען האט ער זיך פארשטעלט מיט א מכלומר'שט נאמען דוד בריקמאן וואס לא הי' ולא נברא. ווילן מיר קודם אוסדריקען מזל טוב צום נאמען געבען יהי רצון שתכנס לתורה חכמה בינה ודעת און זוכה זיין לאנגע יארען מזכה רבים זיין מיט שרייבען קעגען עסען פלייש און זיך מפטם זיין מיט חלב נבילות וטריפות, אנשטאט אויסצוניצען אייער שרייבערישען טאלאנט צו-צולייגען א באמבע אופ-צורייסען דעם אזוי-אויך שוין געגוג חרוב'דיגען אידישען דור אין אמעריקע.

**און יעצם צום ענין:**

כבוד מר. ר' דוד איר פרעגט פארוואס מיר אסר'ן בשר בהמה איר שטעלט א פנים ווי א **תם** און שטויסט ווי א **מועד** אין די זעלבע סעריא פון ארטיקלען ווי איר האט אונז געזען אסר'ן בשר בהמה האט איר געזען אז נישט מיר זענען די אוסרים נאר די גדולי וצדיקי דור הזה זיי זענען די וועלכע שרייען און בעטען דאס כלל ישראל זיך אפצילאזען פון בשר בהמה וועלכע פארשלינגט דעם גוף מיטן נשמה צוזאם. במחילה מר' דוד פירט איר זיך כדרך הילדים וועלכע עסען דאס וואס זיי האבען ליב דאס איבעריגע ריקען זיי אין א זייט. איר נעמט ארויס פון ארטיקעל וואס אייך שמעקט דאס איבעריגע אינטערעסירט אייך נישט.

מיר וועלען נאכאמאל איבער'חזר'ן גאנץ בקיצור ווער זענען די רבנים וועלכע זיי מיט זייערע בתי דינים זענען בדעה אחת אז אמעריקע ווערט טאג טעגליך געפיטערט מיט טויזענטער טאנען **חלב** ונבי**לות** ו**טריפות** און זיי מיט אלע

וועלכע הארכען זייערע רייד (אפילו ביז מוותר זיין אויפן שטיקעל סטעיק-עסען נישט ביזן היינטיגען טאג קיין שטיקעל פלייש — נישט ביי זיך — און נישט ביי זייערע שמחות — און אויך נישט ביי די שמחות פון זייערע נאנטע). זעה אויספירליך אין אונזערע סעריע ארטיקלען דעם פארגאנגענעם זומער.

א) הגאון הצדיק מקלויזענבורג שליט"א ב) הגאון הצדיק מוויזניץ מאנסי שליט"א ג) און הצדיק מקאשוי שליט"א ד) הגאון הצדיק מסקווירא שליט"א, ד) הגה"צ מבאבוב שליט"א האט נאך אין אמעריקא נישט טועם געווען בשר בהמה, און הונדערטער יונגע לייט פון באבוב ניצען נישט בשר בהמה און אפילו בשר עוף קויפען זיי פון נארט 4 וואס מען מאכט דאהי כשר. ה) הגה"צ מדעברעצין שליט"א בעל שו"ת באר משה ט"ח האט ארויסגעגעבען א שארפען בריף וועגען בהמה פלייש, און עטליכע מאל גע'דרש'נט אין זיין ביהמ"ד וועגען בשר בהמה. ו) הגה"צ מאונגוואר שליט"א בעל משנה הלכות י' חלקים, האט אין א שארפע דרשה געווארענט נישט צו ניצען בשר בהמה. ז) דער קלויזענבורגער בי"ד פון 3 פון די העכסטע פערזענליכקייטען אנגענומען ביי אלע קרייזען האבען גע'אסר'ט די פליישען. דאס זענען: הגה"צ ר' פישל הערשקאוויץ שליט"א, הגה"צ ר' יודא ווילנער שליט"א, הגה"צ אבדק"ק לינז שליט"א. ח) 95% משפחות פון ניו סקווער ניצען נישט בשר בהמה, אין גאנץ וויזניץ אין מאנסי איז נישט דא מער ווי בלויז איין יונגערמאן

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

וואס ניצט בשר בהמה (אויך נאר פון א קליינע שחיטה). ט) צווישען אלע קלויזענבורגער חסידים איז נישט דא מער ווי 6 משפחות וואס ניצען בשר בהמה (אויך נאר פון א געוויסע קליינע שחיטה וואס איז דא א מנקר מומחה פון א"י). י) הרה"צ ר' משה דוב בעק שליט"א וואס איז דער גרעסטער סאטמערער לוחם בדורינו האט ארויסגעגעבען דעם ספר "עמק הבכא" ווי ער ווייזט איבער שווארץ אויף ווייס אז לפי דעת קדשו פון סאטמאר רב זי"ע טאר קיין שום ערליכער איד נישט צורירען צו קיין בהמה פלייש עד ביאת גואל צדק, און ברענגט אראפ אלע דוקאמענטען פון בערך 150 טעיפס וואס מען האט אויפגעהאפט פון אלע רבנים מכשירים משגיחים וועגען מצב פון שחיטה בדיקה מליחה ניקור בזמן הזה (אגב וועט איר טרעפען דארטען דעם ריכטיגען בילד ווער עס פירט ליידער דעם כלל ישראל היינטיגע צייט כצאן לטבח), און נאך אנדערע רבנים.

איר טענה'ט "וזבחת כאשר צויתיך" אוי ווי געזעכט איר זענט! ווען עס איז "כאשר צויתיך" דאמאלסט איז אין ארדענונג, אבער עס איז ליידער ווייט פון דעם, דערפאר לייגט אראפ דעם חלף ווייל וזבחת אהנע כאשר צויתיך איז נישט ערלויבט.

טייערער ר' דוד איר זארגט זיך שטארק פאר די צדיקים שוכני עפר, אויב איר זארגט זיך פאר די שוכני עפר אויף אן אמת דאמאלטס זייט מוחל און שטורעמט אויף די וועלט וועגן די פאסקודנע שטיק וועלכע גייען אהן ביי די פלייש פראצידורע, די שוכני עפר שרייען געוואלד אז טריפה

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

**פלייש מיט חלב ברענגט אלע צרות און קרענק רח"ל** וועלכער עס מערט זיך רח"ל ד' ישמרנו ביי אידישע שטיבער און מאכט פון יונגע טאטע'ס און מאמע'ס **שוכני עפר** ד' ישמרנו. פיצעלעך קינדער וועלכע האבן נאכנישט טועם געווען טעם חטא ווערן פון איין מינוט אויפן צווייטן "**שוכני עפר**" הונדערטער שטיבער ווערן פארפייניגט דורך משפחה מיטגעלידער וועלכע זענען געבארען פעלערדיג אדער שפעטער אריינגעפאלען אין געפערליכע קראנקהייט וועלכע דערביטערט אהן אויפהער דאס לעבען פון חשובע אידישע עלטערן יונגע מענטשען ווערן קאלטבלוטיג דערמארדעט — אדער פאראליזירט פלוצלינג אהנע סיבה — הונדערטער טאטעס יונגע מענטשען זענען שוין הארץ ליידענדע — אלעס אלעס איז צו פארדאנקען דעם בהמה פראצעדור ווי דער קדוש בעל מגלה עמוקות האט געזאגט.

כבוד ר' דוד אויב די ווייסט נישט וואס די ספרים שרייבען בעון מאכלות אסורות, אויב איר קענט נישט קיין היסטאריע ווי אין יעדן דור האט פאסירט מכשולות אהנע שיעור ביי דעם — און אויב איר האט נישט קיין ידיעה אין די פוסקים אליין צו פארשטיין ווי אזוי דער היינטיגער סיסטעם איז אין קאנטראסט מיטן שלחן ערוך (זעה ס' שחיטת ואכילת בשר כהלכתה ב"ח) — מעגט איר כאטש האבען א ידיעה אין מעדיצינישע וויסענשאפט (כדי נישט צו זיין א בור ריק) און וויסען ווי אזוי יעדע שטיק צייט ווערט נאכאמאל און נאכאמאל איבער-געחזרט אין די צייטונגען אין נאמען פון אלע דאקטוירים און פראפעסארען. אַקאַדעמיקער און וויסענ-

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

שאפטלער אלע שרייען פה אחת אז בהמה פלייש ברענגט אנזשיינע — הויכע בלוט-דרוק — קאלעסטער־אויל — האַרץ קרענק — אסטמַא — פארקאלעכטע אָדערן און נאך. (זעה ביים סוף פון דעם באשרייבונג דעם ארטיקעל פון נ״י טיימס).

און דאס איז אפילו אויב עס זאל זיין כשר אהנע חלב אדער נבילות וטריפות, היינט ווען עס איז נאך אין צוגאב גוט אויסגעשמאלציגט מיט חלב מיט נו״ט על אחת כמה וכמה וואס דאס ברענגט אלס. אויב איר ווילט נישט חס זיין אויף אייך און אייערע דורות און ווילט מקיים זיין דעם ״מי יאכילנו בשר וגו׳״ און דערשרעקט זיך נישט פארן ״הבשר עודנו בין שיניהם״ וגו׳ ווייל דער ריח פון הייסע ווארשטען האט אייך פארכאפט אין די פאסטעקע, דארפט איר נישט מיט שלעפן מיט זיך אנדערע וועלכע פארמאגען ב״ה גענוג גייסטיגע כוחות מוותר צו זיין אויף די נארישע תענוגים כדי צו קענען אויפשטעלען ערליכע אידישע געזונטע דורות. זיי זענען גרייט צו פארציכטען אויף סאלאמי — פרענקפורטערס — באלאני ועוד וועלכע זענען גוט באוואפענט מיטן געשמאקען אינגרידיענט וואס רופט זיך חלב וועלכע ברענגט מיט זיך אידישע צרות און קראנקהייט מיט געפערליכע דורות ווי איר קענט דאס זעהן מיט די אויגען ד׳ ישמרנו.

ר׳ דוד לעבען! איר פאריפט זיך אויפן דעברעצינער רב שליט״א פון דארט איז איינס פון די שטארקסטע באווייזען ווי וויכטיג עס איז פאר א ערליכען איד בדור הזה זיך אפצולאזען פון בהמה פלייש מיר מיזען אייך אויפמישען א בלעטעל

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

היסטאריע וועלכע האט פאסירט מיט ווינציגער פון צען יאר צוריק וועלכע האט געגעבען א געלעגענהייט (פון פעם לאלף שנים) פאר יעדן איד צו זעהן וואס אין אמעריקע גייט פאר ביי די פלייש אינדוסטרי: די קריטיג קעגן פלייש — דער מעטאד פון פארעכטן די מכשולות — טעראָר — די באנעמונג צו א גרויסען רב (הגה"צ מדעברעצין שליט"א) און ענטפער קעגען די מכשולות וועלכע זיין ארגאניזאציע האט אויפגעדעקט — סטראשונג צום טויט רח"ל. — די ענדגילטיגע לעזונג צו די פראבלעמען — א ריזיגען רעקלאם אין די צייטונג מכלומרשט אז די אלע באשולדיגונגען זענען פאלש ויאכלו ענוים וישבעו.

ומעשה שהיה כך הי': ניין יאר צוריק לערך האט הגאון הצדיק מדעברעצין שליט"א (בעהמ"ח שו"ת באר משה) זיך ארומגעזעהן דעם שפלות המצב אין כשרות ווי אזוי אלע ארגאניזאציעס — וועלכע זענען מכלומר'שט געשטעלט צו שיצען דעם המון פון מאכלות אסורות — ליגען פארזינקען אין ביג ביזנעס צו זאמלען די מיליאנען און די קונים ווערן באשווינדעלט מיט נישט-כשר'ע עסען — נאכדערצו מיט געשוואלענע פרייזען (וועלכע האט נישט צו זיך קיין פרעצעדענקט) האט ער ביי אן אסיפה מיט ערליכע אידען באשלאסען צו גרינדען א ארגאניזאציע אויף ביקורת-אונטערזוכונגען פון אלע כשרות פראדוקטן. עס האט געהאט די פוהלע שטיצע פון קדושי עליון ווי הגה"ק מסקולען זצ"ל

ספר

כשר גלאט כשר
בזמן הזה

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

— הגה"ק מקראסנע זצ"ל — און נאך אנדערע גדולים וצדיקים.

## אט זענען די בריעף פון די גדולים וצדיקים פון ועד הכשרות:

הרב הגאון מוהר"ר אליעזר זוסיא פורטיגאל שליט"א
אדמו"ר מסקולען — כותב

לאסהידא קאתינא על הני גברי חשיבי ויקירי דקא עסקין לאכשורא דרא במאכלות כשרות.. תחזקנה ידי העוסקים החשובים הזוכין ומזכין את הרבים ויזכו להפיץ רוח הכשרות בכל בתי ישראל..

הרב הגאון מוהר"ר שלמה הלברשטאם שליט"א
אבד"ק באבוב — כותב

אמינא לפעלא טבא יישר כוחו וחילו בהתיסדות ועד הכשרות לעמוד על המשמר לשום עין פקיחא ולהציל את אחב"י ממאכלות אסורות.. לכן שמח לבי לברך אתכם

הרב הגאון מוהר"ר נחום מרדכי פערלאוו שליט"א
אדמו"ר מנאוואמינסק — כותב

אמינא לפועלי אמת שתהי' פעולתיכם אמת.. להיות לחלפיות שהכל יפנו אליכם לעזור להם בשאלות וספיקות במיני הזנה החדשים המצויים בימינו.. ויישר חיליכם ברוב עוז ושלום.

הרב הגאון מוהר"ר הלל ליכטענשטיין שליט"א
אב"ד קראסנא — כותב

אביע שביעת רצוני כי התנדבו עצמם כמה מיקירי קרתא דבורו פארק לעיין היטב בשדה הכשרות אשר נזנח הרבה.. בואו ונחזיק טובה להני גברי יקירי.. מי יתן שכל קהלה נאה יעמוד לימינם.

הרב הגאון מוהר"ר משה ניישלאס שליט"א
אב"ד דשיכון סקווירא — כותב

ומצוה גדולה להחזיק ידי העושים ומעשים מתעסקים במצוה רב זו שלא להתטמא במאכלות אסורות ח"ו.. ואשרי מי שמסייע בזה..

הרב הגאון מוהר"ר חי"ל דייטש שליט"א
אדמו"ר מהעלמעץ — כותב

ועלינו לשבחו בכבוד ותפארת.. אני משתחוה להדום רגליהם שותה בצמא דבריהם מפיל תחנה לפני קהל עמינו, עורי נא התעוררו קומי נא השתתפו בפעילת החברה הוועד הקדוש..

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

**הרב הגאון מוהר"ר משה שטרנבוך שליט"א**
**מח"ס מועדים וזמנים ר"מ דמוסדות ראש העין — כותב**

..וב"ה לא אלמן ישראל ואתם משתדלים להרים קרן הכשרות, אשריכם ואשרי חלקכם ומגלגלין זכות ע"י זכאי.. הנני מקוה שבית ישראל יכירו נחיצות מפעלכם..

**הרב הגאון מוהר"ר שלר משה הלוי אונגאר שליט"א**
**אב"ד נייטרא — כותב**

ויהי' נועם ה' עליכם להרבות קדושה וטהרה בישראל.. חכות זיכוי הרבים יעמוד לכל העוסקים בה באמונה.

**הרב הגאון מוהר"ר אברהם מאיר איזראעל שליט"א**
**אב"ד הוניאד — כותב**

מאוד שמחתי בהוצאת מדריך הכשרות. הנני מוכן ומזומן לשתף פעולה עם כבודכם שמשונה וועד זו מוועדים הקודמים..

**הרב הגאון מוהר"ר שמחה בונם גרינבערגער שליט"א**
**ראב"ד פרעשבורג — כותב**

וגם אני אצרף בהסכמתי לדבר מצוה רבה, מצוה דרבים וחפץ ה' בידכם יצליח..

**הרב הגאון מוהר"ר יצחק אייזיק אייכענשטיין שליט"א**
**אב"ד קיוואשד — כותב**

צריכים לסייעתא דשמיא להחזיק מעמד ומצב. מלחמה ממש פנים ואחור, אמנם מובטחני בנושא הדגל שלא יחת ולא יסוג אחור מכל דוחק ולחץ

זיי האבען ארויסגעגעבן חודש'ליכע באריכטען אין זייער "מדריך לכשרות" וואס איז געשטאנען תחת פיקוחו האישי פון הגה"צ מדעברעצין שליט"א וועלכעס האט אויסער געוויינליך מצליח געווען סיי אין זייערע אקטיוויטעטן פון קאנטראלירען כשרות סיי אין די צאל אבאנענטן פון ארבע כנפות הארץ. (מיר קענען זיך נישט צוריקהאלטען פון אויסדריקען די לויב פון כלל ישראל וועלכעס מען האט געקענט זעהן בחוש דעמאלס ווי אזוי דער כלל ישראל וויל נעבעך זיין גוט און עהרליך עסען דאס כשר'סטע און גרייט צו

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

צאהלען דערפאר דעם טייערסטען פרייז, נאר וואס דען? זיי ליגען נעבעך אין די נעץ פון די סוחרים וועלכע באשווינדלען זיי פון קאפ ביז פיס! ווי איר וועט ווייטער ליינען).

דער מדריך לכשרות איז געווען זייער פראדוקטיוו יעדען חודש האט איר זיך דערוויסט פון א טרץ מאכלים וועלכע איר האט געגאסען דערפון מיט א רוהיג געמיט — אז עס איז נאר האלב אדער אינגאנצען נישט כשר, רבנים האבען זיך מודה געווען (לשבחם) אז זיי זענען אומשולדיג נכשל געווארען מיט געבען א הכשר ווען עס האט נישט געטויגט הגם עס איז נישט אנגעקומען גרינג אבער ב"ה די שוועריקייטען זענען דארך.

ביז... ביז... עס איז אנגעקומען די ריי אויף די פלייש בענק וועלכע דער מדריך האט באצייכענט "דאס רוקענביין פון כשרות" דא האט איר געקענט זעהן ווי אזוי דער בעל דבר לאזט אלעם אדארך ביז פלייש סוכ"ס איז ער דאך א גלייכער שותף אין געשעפט ווי די חז"ל שרייבען סוף קידושין — טוב שבטבחים שותפו של עמלק נו! ווי עס ווייסט יעדער מיז א שותף אינוועסטירען אין ביזנעס און דערפאר באקומט ער האלב ריווח מיר האבן קיינמאל נישט פארשטאנען ווי אזוי די חז"ל געבן דעם נאמען "שותף" פאר "עמלק" אינדערצייט וואס ער דארף נישט אינוועסטירען אין באקומט אויך נישט קיין ריוח, אבער נאך די איבערלעבענישען האבען מיר פארשטאנען אז דער פשט איז גאנץ פשוט דער קצב מיט עמלק נעמען גלייך אויף גלייך: דער קצב באקומט דאס גשמיות די גאנצע געלט, עמלק

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

**באקומט** רוחניות די אידישע נשמות וועלכע ווערן **פארשטויסען אין אפגרונד** דורך עסען **נבילות וטריפות** (זעה שו"ת חת"ס או"ח סי' ר"ה, ותולדות יעקב יוסף פרשת נשא) דערפאר געט ער צושטייער זיין גאנצע ארטילערע מיט זיינע וואפען-זאפאסען וואס באשטייט פון: **כל-ערליי טעראר ווי דער פסוק שרייבט והידים ידי עשיו.** נאך איז זיך דער שותף מתחייב צו צושטעלען שוחטים — בודקים ומנקרים — וועלכע טועהן זייער ארבעט שנעל — מיט מסירות נפש, **אפילו זיי זענען נישט אויסגערוהט** — געבן ארויס פראדוקציע (ווייניג פאלט אוועק) און זענען מקבל אין פאל פון אן אנגריף מצד הקדושה וועלען זיי שטיין אין קאמפף אויפן פראנט אנפירענדיג מיט די מיסעלס און ראקעטן.

און יעצט רבותי לאמיר צוריק גיין צום ענין ווי אויבענדערמאנט איז דער **מדריך לכשרות** ארויסגעקומען מיט צוויי דיקע קונטרסים אראפלייגענדיג דעם אמת ארום דעם מצב פון שחיטה — בדיקה — מליחה והדחה — דעליווערי — ועוד אלעס וואס נעמט ארום די **גלאט-כשר** פראדוקציע. די וועלט האט זיך ממש איבערגעקערט די פאקטען זענען געווען קלאר עס איז געשריבען פאכמעניש קענטיג ווי איינער וואס לעבט מיט די שחיטה מהלך יארען לאנג און דערגריבלט זיך ביז צום קלענסטען דעטאל. עס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון א גרופע וועלכע באשטייט פון רבנים — דיינים — שוחטים — בודקים — אליין מיט-געלעבטע אין די שלאכט הייזער און בוטשערס. עס איז געווען באמת א

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

מוסטער-האפטע ארבעט ווערט צו באווינדערען, אלע שרייבער און דענקער האבן ערקלערט אז דאס איז איינס אין דער וועלט.

נו! שוין קיין ווינדער נישט פארוואס אלעס איז געגאנגען כאָדאראם יעדער איד וועלכע האט לאנגע יארן געצאלט פרייזען איבער די נאז צו קענען עסען **גלאט כשר פלייש** איז שיעור אין חלשות געפאלען פון די שוידעלרליכע ידיעה אז ער עסט שוין יארען לאנג ספק נבילות וטריפות אנשטאט גלאט-כשר. פלייש וואס האט געדארפט געווארפען ווערן אין מיסט איידער זי באטרעט די שוועל פון א אידישען שטוב איז געגעסן געווארען מיט גרויס אפעטיט אין אזעלכע געהויבענע זמנים ווי ראש-השנה, פסח, שבועות, סוכות.

**דער עולם איז פשוט ארומגעגאנגען אהנע קאפ פאר גרויס פארצווייפלונג שומו שמים!** האבען זיי אויסגעריפען פאר דעם האבען מיר געהארעוועט? פאר דעם האבען מיר אפגעשפארט דאס ביסען פון מויל אז די קינדער זאלן געהאדעוועט ווערן מיט נבילות וטריפות און חלב רח"ל? שוין נישט קיין ווינדער שרייט דער מלמד וואס עטליכע קינדער אין זיין קלאס זענען ממש ווי ברעטער וויפיל מען האקט פארשטייען זיי נישט קיין לערנען, נו אומזיסט איז מיין יוסי א חיה רעה וואס וויל נישט לערנען נאר זיצען אין קענדי סטארס גאנצע טעג? ער פלעגט דאך טראגען אין חדר יעדן טאג א סאלאמי סענדוויטש פאר לאנטש דאס האט דאך אלע מעלות נבילות — חלב — און נאך. און פאר סאפער עסט ער רוב וואך ווירשטען (פרענקפורטערס) **אוי געוואלד וואס וועט יעצט זיין וויאזוי קען מען דאס פארעכטען?**

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

דער קצבים פארבאנד האט געזען אז עס איז צרות און אנשטאט זיך באנעמען מיט פארעכטען די מכשולות און אראפשטעלען א שטארקען יסוד פאר כשרות האבען זיי געשטעלט דאס גאנצע טעראר אפאראט אויף די פיס.

די קצבים סטראטעגיע באשטייט פון 5 טיילען: 1) זאפארט אויפקלערן פאר די מאסען אז אלעס איז א בלבול. 2) פארשפרייטען קלאנגען אז די מערערים האבען חרטה געהאט אויף זייער שרייבען. 3) טעראָרידירען די רבנים אז זיי זאלען צוריק ציען פון זייער שטעלונג. 4) פארופען א דין תורה ביי וועלכע מען האלט צוריק די רבנים פון ערשיינען מיטן כח פון טעראר, אבער פאר די גאס וועט מען איבערגעגעבען אז עס איז געווען א דין תורה די מערערים זענען נישט ערשינען, ע״כ **יאכלו ענוים וישבעו למהדרין מן המהדרין.** 5) מען רופט רבנים אין שלאכט הויז און מען שטעלט די שחיטה לאנגזאמער ווי געווענליך צו פארבלענדען די רבנים. נאכדעם זענען זיי די עדות זאגער פארן כלל ישראל אז אלעס איז אין ארדענונג. 6) די קצבים פארבאנד האבען באשלאסען איינמאל א יאהר פאר די הייליגע ארויסצושיקען א פעטען טשעק פון עטליכע טויזענד דאלער פאר יעדען אנערקענטען חשוב׳ן רב — דאס רופט זיך לא יחרץ געלט — אדרבה פרעגט זיך נאך.

אט וועלן מיר אייך דא פארלייגען די ארטיקלען וועלכע זענען ערשינען בשעתו ווי עס ווערט אפגעשפיגעלט די אויבענדערמאנטע סטראטעגיע: די אויפדעקונג פון טריפות — **מען וויל מטשטש זיין דעם עולם — קלאנגען גייען ארום וועגן חרטה — רבנים ווערן טעראריזירט —**

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

**א דין תורה ווערט פארופען — רבנים ווערן איבערצייגט אז מען שעכט נישט מער ווי 54 בהמות אין צוויי שעה אינדערצייט ווי די רעגירונג (גאווערמענט אינספעקשאן) זאגט עדות אויף לערך 50 בהמות א שעה.**

די ארטיקלען וועלכע שפיגלען אלעם אפ. (פאסט אויף די דאטומס פון ארטילקען)!

### 1. גאווערנמענט דאָקומענט: (שחיטת גלאט כשר)

**PRODUCTION DATA FOR SELECTED MEAT AND POULTRY PLANTS UNDER FEDERAL INSPECTION FOR JANUARY 1977 THROUGH JUNE 1977**

Establishment Number 45

Linden Packing Co., Inc.

| Month | Cattle Slaughtered | Hours Operational | Average Cattle per Hour |
|---|---|---|---|
| Jan | 5,927 | 120.25 | 49.29 |
| Feb | 7,501 | 149.00 | 50.34 |
| Mar | 9,554 | 195.75 | 48.81 |
| Apr | 6,776 | 148.25 | 45.71 |
| May | 8,429 | 174.75 | 48.23 |
| Jun | 7,974 | 165.50 | 48.18 |
| Total | 46,161 | 953.40 | 48.42 |

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

2. פרייטאג, אפריל 8, 1977
ב״ה, יום ו׳, כ׳ ניסן, תשל״ז
FRIDAY, APRIL 8, 1977

## טומעל וועגן כשרות פון „גלאט כשר'ע" פליישן נאך אלץ דאס געשפרעך פון טאג אין בארא פארק און וויליאמסבורג

אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג האט זיך דעם חול־המועד נאך אלץ געטומלט ארום די רעוועלאציעס פון דעם „ועד הכשרות" אין זיין קונטרס „מדריך לכשרות", אז דאס פלייש וואס ווערט פארקויפט אלס „גלאט כשר" איז נישט נאר וואס ס'איז נישט גלאט כשר נאר ס'איז דא א גרויסע שאלה צי דאס פלייש איז בכלל כשר.

ניטא געקוקט אויף דעם וואס א גרופע פראמינענטע רבנים וואס גיבן די הכשרים אויפ'ן פלייש, האבן טעלעפאניש געפאדערט פון אנדערע רבנים מען זאל מעלדן אין די בתי מדרשים אין זייערע שבת הגדול דרשות, אז דער „מדריך לכשרות" גיט נישט קיין אמת'ע אינפארמאציע, האבן די מערסטע רבנים נישט נאכגעגעבן אזעלכע דערקלערונגען און געזאגט, אז עס זאל פארקומען א דין תורה צווישן די פירער פון „ועד הכשרות" און די רבנים בעלי מכשירים וועלכע פעסטשטעלן ווער עס איז גע־

און אנדערע קהילות האט מען געלאזט וויסן, אז מ'דארף די באשולדיקונגען פון דעם „מדריך לכשרות" אין דאס פלייש ספר למהדרין צו קיינע שאלות. אבער אין די ליטווישע שולן און בתי מדרשים אין וויזשניץ, בעלז, באבוב, גער, סטאלין, ליובאוויטש, סקווער און אנדערע קהילות איז נישט אויסגערופן געווארן און ווי מען גיט איבער ווארטן די אויף דעם באשלוס פון די רבנים ביי א דין תורה, וועגן כשרות פונ'ם פלייש.

עס ווערט אויך איבערגעגעבן, אז די קלאגנען, אז דער דעברעצינער רב האט זיך צוריקגעצויגן פון די באשולדיקונגען פון „מדריך לכשרות" און האט חרטה געהאט אויף די אויפדעקונגען, אז עס זענען פארהאן ערנסטע שאלות קעגן דעם פלייש, זענען „מבוססות שקרים". עס איז אפגעווייזן געווארן, אז דער דעברעצינער רב האט במפורש געזאגט אין זיין שבת הגדול דרשה, אז ער האט נישט קיין חרי־

טה און ער איז גרייט צו קעמפן ביז'ן סוף פאר'ן כשרות פון די פליישן. אין א סך קרייזן האט מען אויסגעדריקט גרויס שטוינונג ווי געוויסע לייט קענען פארשפרייטן אזעלכע קלאגנען קעגן דעם דעברעצינער רב ווען ער האט קלאר און דייטליך דערקלערט, אז ער ציט נישט צוריק און האט נישט חרטה אויף דעם וואס עס שטייט אין „מדריך לכשרות", און אז ער האט נישט מורא פאר קיין סטראשע.

אין דער זעלבער צייט ווערט איבערגעגעבן, אז דער האמיזיספאלווער רב האט דערקלערט, אז דאס „מדריך לכשרות" דארף מען פארברענען „פונקט ווי מען פארברענט חמץ און אנדערע שמוציגע מאגאזינען".

דערהויפט ווערט איבערגעגעבן, אז קעגן דעברעצינער רב ווערט געפירט א שרעקלעכער טעראר, פאר זיין שטעלונג. אויך אנדערע מיטגלידער פון „ועד הכשרות" ווערן טעראריזירט. א מיטגליד פון ועד הכשרות האָ־



הרב ר׳ משה שטערן שליט״א, דער דעברעצינער רב

בען די כוליגאנעס טעלעפאנירט לעצטן דאנערשטאג ארום און ווען זיין קינד האט געענטפערט, אז ער איז נישט אין דער היים האט דער אנאנימער רופער געהייסן זאגן דער פרוי פון דעם רב, אז איר מאן איז שטארק פארוואונדעט געווארן אין אן עקסידענט און האלט ביי שטארבן. ביז די פרוי האט געהערט פון איר מאן

האט זי געהאט גרויס הארץ ווייטאג און געליטן שרעק ביז איר מאן האט זיך צוריקגעקערט פון בדיקת חמץ אין זיין אפיס און געזאגט, אז דער טעלעפאן רוף איז געווען א טייל פון דעם טעראר, וואס ווערט געפירט קעגן ייִדן איינעם וואס גייט נישט אין שפאן און פאדערט א תיקון אין כשרות.

3. אלגעמיינער זשורנאל פרייטאג, אפריל 8, 1977

# אסיפה פון רבנים ביים פאפער רב וועגען שחיטה נישט צושטאנד געקומען

לעצטען דאנערשטאג 4 אזייגער נאכמיטאג האט געדארפט פארקומען אן אסיפה ביים פאפער רב פון א געקליבענער גרופע רבנים און שוחטים וועגן דער שחיטת קאנטראווערסיע, וואס האט לעצטענס אויפגערודערט די חרדישע קרייזען אין וויליאמסבורג און בארא פארק. דער מיטינג איז אבער נישט צושטאנד געקומען צוליב א רייע אורזאכען. ביי דער אסיפה האבען זיך געזאלט באטייליגען דער סיגעטער רב, דער דעברעצינער רב, דער קאשויער רב, דער קאסאינער רבי און דער סאמבאטהעלער רב. ביי דער אסיפה האט דער פאפער רב געזאלט אויסהערן ביידע צדדים און קומען צו אן אויסגלייך וועגן דער גלאט כשר'ער שחיטה. אבער נאך דעם ווי עטליכע רבנים האבען גענומען שטעלן באדינגונגען איז בטל געווארען די אסיפה. אויף וועלכער איז באשלאסען געווארען מיט א טאג פריער. לעצטען מיטוואך. איינער פון די באדינגונגען איז געווען, אז דער ועד הכשרות זאל זיך נישט טרעפען מיט די שוחטים.

דערווייליע איז נישט באשטימט געווארן א דאטע אויף אן אנדערער אסיפה. ס'ווערט איבערגעגעבען, אז דער סיגעטער רב איז אפגעפארן קיין מיאמי ביטש און כל זמן ער איז אויסער ניו יארק קען מען נישט מאכען קיין מיטינגען.

אין דער זעלבער צייט ווערט איבערגעגעבען, אז לעצטענס האט דער חינער רב אפגעשטאט א באזוך אין שעכט־הויז און זיך איבערצייגט, אז די שחיטה ווערט דורכגעפירט כדת וכדין למהדרין.

דער נירבאטארער רב האט געזאגט, אז ער האלט, אז א סך אידען ווערען נכשל פון דער איצטיגער השגחה אויף שחיטה און דעריבער פאדערט זיך א תיקון כדי צו פארמיידען דעם מכשול אין דער גלאט כשר'ער שחיטה. ברבים ארויס מיט א פאדערונג, אז ער וויל מברר זיין די פארלעסליכקייט פון דער שחיטה.

אין א צווייטער אנטוויקלונג איז באקאנט געווארען, אז דער נירבאטארער רב, הרב ר' חנני' יום טוב ליפא טייטעלבוים איז אויך הרב ר' משה ביק האט אפגעשטאט א באזוך אין בוינע. ביידע רבנים האבען געזען, אז בעת זייער באזוך זענען געשאכטען געווארן אין צוויי שעה צייט נאר 54 בהמות.

פון די 54 בהמות וואס זענען געשאכטען געווארען זענען בלויז 10 דערקלערט געווארען אלס גלאט כשר. ווען איינער פון די רבנים האט געפרעגט פארוואס מען שעכט אזוי לאנגזאם האט מען זיי געענטפערט, אז די בהמות ווילען נישט גיין צו דער שחיטה.

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

.4 אלגעמיינער זשורנאל פרייטאג, אפריל 29, 1977

# התאחדות הרבנים קעגען דין תורה וועגען שחיטה

ביי א זיצונג פון התאחדות הרבנים, וואס איז פארגעקומען די וואך, איז באשלאסען געווא־רען קעגען אפהאלטען א דין־תורה וועגען דער גלאט כשר'ער שחיטה, ווי דאס האבען געפא־דערט עטליכע רבנים נאך די רעוועלאציעס פון דעם „מדריך לכשרות" וועגען דעם, אז עס זיינען דא ערנסטע שאלות וועגן גלאט כשר'ער שחיטה. ביי דער אסיפה האט איין פראמינענטער רב פון וויליאמסבורג געפא־דערט, אז עס זאל פארקומען א דין תורה, אבער די מערסטע פון התאחדות הרבנים זיינען געווען קעגען דעם, אנווייזענדיג, אז אנא דין תורה וועט ארויסרופען א חשש, א זדי באשולדיגונג פון „מדריך לכשרות" האט א יסוד און צייטונגען וועלען וועגן דעם שרייבען.

אין א צווייטען פאל וואס האט צו טאן מיט שחיטה, איז לעצטע וואך אנטדעקט געווארען, אז א געוויסער האלסעילער פון גלאט כשר'ער פלייש האט אפגע־נארט קצבים ווען ער האט ארויפגעשטעלט כשר־פלאמבעס אויף טריפה'נע פלייש. ווי נאר מען האט געכאפט דעם „האל־סעילער" ביי דעם שווינדעל, האט מען טעלעפאנירט צו די קצבים און זיי אינפארמירט, אז דאס פלייש וואס זיי האבען ביי אים געקויפט איז ניט כשר. די געשיכטע האט ארויסגערופען א גרויסען טומעל און בוטשערס וואס האבען געהאט מיט דעם א שייכות זיינען געלויבט געווארן וואס זיי האבען גענומען געהע־ריגע שריט צו פארהיטן זייערע קליענטען פון דער שטרויכלונג פון עסן טריפה פלייש.

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

אגב איז כדאי מיט צוטיילען אז דער שרייבער פון די שורות האט מיטגעלעבט די טעראר פרשה דאמאלטס און געהערט פון דעברעצינער רב'ס מויל אז 3 רבנים (איינער פון זיי איז היינט א גרויסער רבי אין וויליאמסבורג) זענען אריבער געגאנגען צו דעם דעברעצינער רב דעם טאג ווען די דין תורה האט געדארפט פארקומען און האבען איהם איבערגעגעבען בשם א געוויסען קצב אז אויב ער וועט מאכען די דין תורה וועט יענער דינגען א שווארצען מיט א גרויסען טראק מען זאל איהם איבערטרעטען גייענדיג אין בית המדרש, וה' ישמרנו.

דער דעברעצינער רב שליט"א האט אויפגעהויבען דעם טרייבל און טעלעפאנירט דריי גרויסע פערזענליכקייטען (גדולי וצדיקי ישראל) און זיך שואל עצה געווען צו ער דארף זיך מוסר נפש זיין? צווי פון די רבנים האבען גע'פסק'ט אז נישט, דער דריטער דער קאשויער רב שליט"א האט גע'פסק'ט אז יא, און ער האט צוגעזאגט אז ער אליין וועט אויך פערזענליך ערשיינען און ארויסברענגען זיינע אנגעזאמעלטע אינפארמאציע.

**נו ר' דוד איר פרעגט נאך אלס פארוואס מען קען נישט עסען בהמה פלייש אויפן סמך פון די רבנים????**

אט ווילען מיר אייך ווייזען שווארץ אויף ווייס וויאזוי מען האט געמאכט א טריק און **אריינגעצויגען די רבנים אין א פאסטקע** ווייזענדיג וויאזוי מען שעכט נישט מער ווי 27 בהמות א שעה — 54 אין צוויי שעה, אין די צייט ווען די גאווארמענט (וועלכע האט א קביעות'דיקען אינספעקטאר) שרייבט אז מען שעכט אין דארכנישט 49 בהמות א שעה!!

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

די זעלבע פרשה און סטראטעגיע האט זיך איבער-געחזר'ט ביי די חלב פרשה (אויספירליך אי"ה אין א קומענדיגע געלעגענהייט). [קוקט אין ספר עמק הבכא באריכות].

דעריבער וואס איז א וואונדער אז די גדולי הדור האבען ארויסגעגעבען א פסק בי"ד אז "הרוצה לשמור נפשו ונפשות דורותיו אחריו שישארו יהודים נאמנים לד' ותורתו יתרחקו עד קצה האחרון מכל מין בשר בהמה".

און זיים מוחל ר' "דוד און גיים פון שטוב צו שטוב וועט איר זעהן אז 78 פראצענט הייזער פארמאגן ל"ע אדער א נישט געזונטען אדער א קרימינאלטשיק רח"ל. (מיר האבען אין די ארכיוועז דוקאמענטען פון האספיטעלער אלע סטאטיסטישע חשבונות די פעלערדיגע קינדער ל"ע אין בארא פארק אליין גרייכט דאס שוין איבער דריי טויזענט קינדער פעלערהאפטיגע השם ירחם).

ר' דוד לעבען! איר פארופט זיך אז די רבנים שרייען כשר וישר נו! אשאדט איר האט פארפאסט די היסטארישע אסיפת חלב ביי התאחדות הרבנים תשרי תשד"ם, דארט וואלט איר געהאט א געלעגענהייט צו הערען וואס די רבנים אויף וועמען איר פארופט זיך זאגען אליינס וועגען פלייש, אויף וועלכען זיי אליין געבען א הכשר, אט האט איהר די עדות'שאפט פון הגה"צ מהר"ם ט"ב אב"ד סאטמאר שליט"א וואס ער איז מעיד וויאזוי עס זעען אויס די פליישען וועלכע ווערן פארקויפט אלס גלאט כשר. (גלאט כשר — מיינט אהן

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

א סירכות), אגב איז כדי צו באמערקען אז דער עדות'שאפט פון אב"ד סאטמאר שליט"א איז העכסט פארלעסליך ווייל ער איז געווען יאהרען לאנג דער רב המכשיר ביי די פליישען ממש ביז ער איז געווארען סאטמאר רב.

קצד עמק הבכא ח"א פרק ד' אות טז—יז

## דער לשון פון טעיפ ווארט ביי ווארט

**א רב פרעגט** אזוי וויא מען נוצט נישט קיין סירכות חאטשינג ס'איז כשר, סירכא פלייש ... [פי' כמו"כ לא ישתמשו בצלע י"ב].

**אויף דעם ענפערט דער היינטיגער סאטמאר רבי וז"ל:**

**הלוואי, הלוואי, וויפיל מען נוצט יא, מען האט אראפגענומען סירכות, דאס איז גלאט פון דעסטוועגן נוצט מען סירכות, מען קען דאך נישט זאגן מען נוצט נישט קיין סירכות. פאר דעם עולם קען מען זאגן, מען ניצט נישט קיין סירכות — דעמאלטץ וואלט איהר נישט געקענט האבן קיין פלייש צופארקויפן, ס'איז דא ס'מאכט זיך, ס'גייט נישט לייכט אבער עס טרעפט זיך אמאל.**

רב בעל מכשיר שני מוחה: זאלטץ מיר מוחל זיין אויף דעם וועל איך ענטפערן, חלילה אזא סטעיטמענט צוגעבן, אז אונדז נעמען ח"ו סירכות, חס־ושלום .... וכו'.

ביז אהער איז דער טעיפ.

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

יעצט טייערער ר' דוד ווען איר הערט וויאזוי צווי מכשירים פון בהמה פלייש ביים זעלבען שלאכט הויז פון לאנגע יארען קריגען זיך עפענטליך קעגען זעכציג רבנים איינער שרייט מען נוצט יא סירכות און דער אנדערער שרייט מען נוצט נישט סירכות.

יעצט זאגט מיר אליין אן קאמענטארען ווי שטארק די סמכות פון מכשירים זענען??? (קוקט נאך דעם גאנצען טעיפ אין ספר עמק הבכא דף קצ"ד).

**צום אויספיר:**

די אלע אויבענדערמאנטע גדולי הדור מיט זייערע בתי דינים נאכען זעהן עטליכע מאל וויאזוי מען באנעמט זיך כלפי די מכשולות פון פלייש אנשטאט פארעכטען טעראריזירט מען די מבקרים און ועל כולם ווערט דער מצב אלס ערגער עס איז דערגאנגען ביז צו דעם אז יונגע דיינים'לעך האבן בריש גלי פארפעלשעוועט די אויסצוגען פון ראשונים און אזוי ארום געמאכט **א יאכלו ענוים וישבעו — פון חלב דאורייתא מיט א גושפנקא דרבנן כאילו די קדמונים האבען אזוי געשריבען** (זעה פרי תמרים חלק י"א און קונטרס עלבונה של תורה — און אויספירליך און הקדמה פון קובץ ספרי ניקור און אויך אין קול קורא "שמים וארץ חגרו שק") דאס מיט נאך האט געברענגט די אמת'ע גדולי הדור (**וועלכע ליגען נישט אין ביג ביזנעס — נאר תורה ועבודה**) אנצוזאגען זייערע תלמידים וידידים זיך אפצושקאלען פון בהמה-פלייש עד ביאת גואל צדק ווען עס וועט מקויים ווערן "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ".

כשר גלאט כשר
בזמן הזה

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

זייער הכרעה איז באזירט אויף די תשובה אין דברי חיים (יו"ד סי' ו') אז דייטשלאנד — מעהרען — בעהמען — שלעזיען — איז געווארען אפגע'שמד'ט פון שוחטים קלים **דא אין אמעריקע זעהעט מען דאס בחוש**, ווייל לויט ווי יעדער ווייסט האבען געוואוינט אין אמעריקע צוריק מיט 40 יאר 1,500,000 אידען א גרויסער טייל שומרי תורה, זאגט מיר וויפיל אידען קענט איר וואס זענען אייניקלעך פון יענע אידען (אפשר 10) **די איבעריגע אלע זענען פאלגע גוים!!! אפשר ווייסט איר פארוואס אין אמעריקע איז דאך נישט געווען קיין אוישוויץ? דער תירוץ איז די גייסטיגע קאלעך אויוועגס פון נבילות וטריפות חלב ודם האט זיי אומגעברענגט!!! נישט אומסזיסט ווערט אנגערופען "טוב שבטבחים שותפו של עמלק".**

היינט צו טאג ווען דער כח הקדושה איז נאך פיל שוואכער ווי דאמאלטס די נסיונות פילען אַהן די גאסען און וויל פארשוועמען שענסטע פון כלל ישראל איז בעוה"ר נישטא קיין אויסוועג צו באווארענען בעזה"י די וויטערע דורות נאר דארך א קבלה מוחלטת נישט צו עסען בהמה פלייש עד בגצבבב"א.

און יעצט מר ר' דוד אויב איר האט נאך אלס שאלות צופרעגען ביטע האלט זיך נישט צוריק, אבער נאר אויף א תורה'דיגען וועג "נישט מיט מאטאראזאציע".

בברכת כתיבה וחתימה טובה

**הק' שלום יודא גראס**

אבדק"ק האלמין יצ"ו

ברוקלין ניו יארק

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

נ.ב. טייערער ר' דוד: איר קענט נאך ערווארטען אז א איד א שומר תורה ומצות זאל זיך צורירען צו בשר בהמה? אין דער צייט וואס נאך 35 יאר פונעם באזעצען אייראפעיאישען אידענטום אין אמעריקא מיט'ן איינפירען דעם שחיטה ניקור — וואס פירט זיך נאך עד היום — האט זיך ארויסגעוויזען ביי די אויבענדערמאנטע אסיפת התאחדות הרבנים אז קיין איין איינציגער רב פון אלע מכשירים בלי יוצא מן הכלל קען נישט קיין ניקור — זאת אומרת אז דער כלל ישראל איז במשך די גאנצע צייט געפיטערט געווארען פון פלייש פון אחורים אהנע שום השגחה!!!

# דער פסק פון קאפישער רב זצ"ל

הגה"צ המפורסם מוהר"ר יעקב לעבאוויטש אבדק"ק קאפיש זי"ע (בעל מחבר שו"ת משנת יעקב ב"ח) וואס איז געווען אנגענומען פאר'ן גרעסטען פוסק דא אין וויליאמסבורג, און ווי באוואוסט האט אים מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע ממנה געווען צו פסק'נען די אלע שאלות וועלעכע מען דארף האבען גדולי הדור — און ער אליין פלעגט זיך צו אים ווענדען מיט פארשידענע שאלות — פלעגט פון צייט צו צייט ביי זיינע שיעורים וואס ער האט פארגעלערנט אין גרויסען סאטמאר ביהמ"ד, פלעגט ער האלטען א לענגערען שמועס וועגען די היימישע פליישען פון אמעריקא. דער שרייבער פון די שורות איז דערביי געווען ווען ער האט א מאל שבת נאכמיטאג ביים פארלערנען הל' נדה זיך זייער צו פייערט מיט דעם לשון "די איידעלע יונגעלייט לויפען ארום פאר סוכות

קיפען דעם שענסטען **אתרוג נקי מכל** פאר גרויסע געלטער כדי יוצא צו זיין די מצוה אהנע שום פקפוק, די זעלבע ביי מצות באגענוגט מען זיך נישט מיט **סתם שמורה מצות**, נאר מען מאכט אליין די ווייץ, מען מאכט זיך כתות דאס אפצובאקען. נאך דעם האט ער אויסגערופען מיט פאטוס "וואס האט מען פון דעם אלעם ווען א גאנץ יאר עסט מען זיך אן מיט ספק נבילות וטריפות, קיינעם פאלט נישט ביי אז ביי מאכלות אסורות וואס דאס איז דער יסוד פון אידישקייט און עס האנדעלט זיך נישט אין הידורים נאר אין איסורי לאווין וכריתות מיט'ן עקזיסטענץ פון אידישע דורות אז ביי דעם דארף מען זיך העכט מוסר נפש זיין פיהל מער ווי ביי **מצות און אתרוגים!!!** — רבותי האט ער געשריגען!!! **איך בין גארנישט מגזם, איך מיין וואס איך זאג, דער וואס עסט די פליישען ווערט נכשל מיט ספק נבילות וטריפות", איר זאלט וויסען אז די מאסען פראדוקציע אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אמעריקא איז דער גרעסטער חורבן און דער גרעסטער אינטער־גראבער פון אידישקייט, מען מעג שטעלען וויפיהל משגיחים אדער מכשירים מען וויל, דאס איז נישט קיין תקנה ווי לאנג דאס גייט אויף א מאסען פארנעם",** עכ"ל.

ווי עס איז באקאנט האט הגה"צ מקאפיש זצ"ל אין אמעריקא נישט פארזיכט קיין **בהמה פלייש** און אפילו עופות האט ער נאר גענוצט פון א קליינע שחיטה וואס ער אליין האט באקוקט דעם סכין און מען האט כשר געמאכט ביי איהם אין

## מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

שטוב. (ווייסט איר פארוואס דעם רב האט מען נישט געקענט ארום נארען? ווייל ער אליין איז געוועזן א שוחט אינדערהיים און ער האט געוויסט וואס מיינט שחיטה), ווי ער אליין האט זיך אויסגעדרוקט אז דאס וואס שטייט אין שו״ע יו״ד (סי׳ י״ח) ״אז צו שחיטה דארף מען האבען אסאך יראת שמים, ישוב הדעת און מתינות״ וכו׳, אין דאס אלעס עקזעסטירט נישט ביי די היינטיגע שחיטה אין אמעריקא!!! עכ״ל.

### דעתו של הגה״צ מקאשוי שליט״א, אודות מצב הכשרות אצל השחיטה וכו׳ בארה״ב, בחודש תמוז תשמ״ה לפ״ק

נדפס עתה בספרו החדש ברכות שמים עמ״ס שבת פ״ב, בקו׳ קצה השמים פרק ה׳ (עמוד כ״ו), וע״ע לקמן עמוד ש״נ

מכח זה של חורבן הקהלות בעו״ה וכמעט אין שום קהלה מסודרת על נוסח שהי׳ באייראפא, נמשך ג״כ ירידת הכשרות, בדברים חמורים מאוד, והשחיטה, והאפי׳, והבישול, וכמעט כל המאכלים, הכל ביד יחידים, המה המושלים והמשלמים, אשר אפילו אם היו יראים וחרדים, הלא אין ליתן שום נאמנות לבעל העסקים, וקו״ח שהרבה המה מהירודים, ורבה העזובה בקרב הארץ, וגברו בעלי זרוע, ואימתם מוטלת על הבריות, ובפרט שהכל נעשה בכמות רב בסיטונות ובמהירות, וסומכים בכל דבר על התירים של הפסד מרובה ושעת הדחק וכו׳ והרבה אף בלי היתר, והחיוב הי׳ שהרבנים אשר יש להם עכ״פ קצת דמיון לקהלות הישנות, שיסדרו שיהא להם יד בכל עניני של חיי הנפש, ויעמדו על המשמר לדאוג עכ״פ עבור קהילתם ועי״כ תתחזק כח הכשרות להכלל כולו, ובאמת הי׳ מציאות לזה אם יתחזקו הרבנים על עמדם ולעשות בענין זה מה שביכלתם, ואין שום ספק שיצליחו במשלחותם, כי במצב של היום הירידה מיום אל יום, וכל א׳ הישר בעיניו עושה. עכ״ל ועיי״ש עוד.

## SAVING YIDDISHKEIT

**This great Fortress is a Chain-Link Wall of Fire for faithful Jewry in the Holy Land throughout the whole world**

Here is mirrored the great work that the great Admor Shlita founded and is carrying on with literal self-sacrifice until this day.

... standing in the front lines and leading the unending battle to break the wall that obstructs those who want to pour the foundations for true, real Kashrus.

... are Sanctifying G-d's Name before the whole World, declaring that Moshe is Truth and his Torah is Truth ("Emes").

... their glory fills the land... great strongholds against evil winds that blow on Klal Yisroel.

### Contents

- ☐ Three thousand letters blessing and encouragement from the Great and Sages of our generation.
- ☐ Propaganda and distribution done by our offices in all the Diaspora.
- ☐ The number of works that were written and published by the grand Author during 18 years total 286 books.
- ☐ The number of copies printed and distributed FREE thru the Institute for Publishing the Books of Judah and israel in the entire Jewish world, total 850,000 books.
- ☐ The cost of printing and mailing totals over 2 Million Dollars.
- ☐ The Deficit totals: $1,5000,000.00
- ☐ The Annual Budget for 1986 is $1,750,000.00

**THE DEBTS HAVE ACCUMULATED ABOVE OUR HEADS! PLEASE! COME AND TAKE PART IN UPHOLDING THE FOUNDATION FOR PUBLISHING BOOKS FOR THE MERIT OF MANY IN THE ENTIRE WORLD, AND GREAT IS THE SHARE OF EACH ONE WHO AIDS IN SUCH A GIGANTIC AND LOFTY UNDERTAKING OF SAVING JEWISH SOULS.**

Please lend a hand to this lofty Foundation to partake in the publication of a Book in the Sainted memory of departed relatives for whose Souls this will be a great Uplifting and through which they will intercede for you to be saved in all manners from Above, for you and your worthy family and all the Nation of Israel, Amen.

**Tel: 718-436-8086**

# MADRICH LAKASHRUS
## 5747

Vol. 8, no. 39
Dec.-Jan. '987

# "Let the days of silence be ended."

ווער הכשרות

KOSHER כשר

**VAAD HAKASHRUS**
A Public Service Organization
Dedicated to Strenghtening of Kashrus
Through Research and Developement

**39**